# יזכור...

# ערשטע אזכרה נאכן חורבן

## די ערשטע אזכרה אין נײ־פרײמאַן

באַלד נאָך דער מלחמה, ווען דער בייזער שטורעם האָט זיך איינגעשטילט און מיר, די על־פי־נס לעבן־געבליבענע רעשטלעך, זענען אַרויס פון אונדזערע באַהעלטענישן, האָבן מיר דערזעען דעם מוראדיקן סך־הכל, וואָס האָט אונדז אויפגעטרייסלט: זעקס טויזנט יידן פון אונדזער שטעטל, אייגן פלייש־און־בלוט, זענען דערמאָרדעט, פאַרברענט און אויף אַנדערע אכזריותדיקע אופנים אומגעבראַכט געוואָרן.

אין אָנבליק פון גרויסן בראָך, אין טיפן צער און וויי, האָבן מיר זיך געפילט ווי שולדיק, וואָס מיר אַליין זענען געבליבן לעבן. דער גורל האָט אונדז געבראַכט קיין מינכן, אין פליטים־לאַגער נײ־פרײמאַן.

מיט אונדז זענען געווען אייניקע ראָזשישטשער: מאָטל און פייגע גרינבוים מיט זייער זון משה, מיר — מענדל און מירל שאַמעס און אונדזער זון אייזיק, און יידל וואלדאָקס פון קאָפּאַטשיווקע.

מיר האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן און גערעדט פון אונדזער שטעטל. אין זעלבן אָוונט איז ביי אונדז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק מאכן אַן אזכרה פאַר אונדזערע קדושים.

מיר האָבן געגעבן אַ מעלדונג אין צייטונג וועגן דער אזכרה. אויף דער מעלדונג האָבן זיך אָפּגערופן פיל מענטשן. פון נאָענט און ווייט זענען געקומען יידן צו דער אזכרה, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 23־טן אויגוסט 1947. אייניקע זענען געפאָרן עטלעכע טעג. פרוי שרה קאָפּיט איז אָנגעקומען צוויי טעג נאָך דער אזכרה.

צו דער אזכרה זענען געקומען: זעליג בערעז, מאָטל און פייגע גרינבוים, בערל שניידער, מאָטל דאָלגאָפּאָליוק, מאָטל גרופּערמאַן, אַנשל גאָן, אהרון ריוועץ, מענדל און מירל שאַמעס, לייקאך פון פּערעספּע, יאָסקע וואַלד, יאָסל מונק, הערשל לערער, יידל וואלדאָקס, הערשל רויטער און פרוי, מאָטל דער חזן פון פּאָזשאַרעק, יאַסקע קליינבאָרד און עטלעכע קאָפּאטשיווקער יידן.

דער לערער פסח ספּעקטאָר, וועלכער האָט פאַרנומען אַ הויכן אַמט אין דער „אונררא", האָט אונדז געגעבן אַ זאַל. מיר האָבן באַקומען פאַר יעדן אָנטיילנעמער אַ ליכט, וואָס יעדער האָט מיט טרערן אָנגעצינדן. נאָכן זאָגן קדיש בציבור, זענען אַלע אָנטיילנעמער געקומען צו אונדז אין וווינונג, און מיר האָבן אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט, אין וועלכן ס'זענען אַריין: בערל שניידער, מענדל און מירל שאַמעס און יידל וואלדאָקס.

מיר האָבן צונויפגענומען אַביסל געלט, געשאַפן אַ גמילות־חסדים קאַסע און אָנגעהויבן אַ הילפס־טעטיקייט פאַר אונדזערע לאַנדסלייט.

**מירל שאמעס**

